# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10־11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

MARCH 1922
VOL. II. No. 7


## דער נייער פאבסט און ציוניזם

נאכדעם וויא דער פאבסט בענעדיקט איז גע־שטארבען און מ'האט אין דער "קאנקלאווע" (אין רוים) איינגעשלאסען אלע קארדינאלען אום צו־וועהלען א נייעם פאבסט, האבען אידישע שונאים גע־רעדט אז דער ציוניסטישער פאליטיק געהט אריין אין דיא וואהלען פון פאבסט אין רוים.

דאס איז אפילו א גרויסער קאמפלימענט פאר'ן ציוניזם, וויל פון דעם פארשטעהט מען אז דער ציו־ניזם איז אזא גרויסע מאכט אז זיין איינפלוס קריכט אריין אויך אין רוים. אז דער ציוניזם קען בעשטימען ווער ס'זאל זיין דער רעגיליעזער פיהרער פון דער גרויסער קאטוילישער קירכע אין דער גאנצער וועלט, און ציוניזם איז דערפאר אזא גרויסער כח אז דיא גאנצע וועלט מוז פאר איהם ציטערן און דרך ארץ האבען.

דיעזער קלאנג איז אבער נור אויסגעטראכט געווארען פון שונאים מיט דער אבזיכט צו העצען געגען אידען בכלל און געגען ציוניזם בפרט. עס איז עהנליך צו יענע קלאנגען און בלבולים אז אידען האבען פאראורזאכט דיא מלחמה און אז זייא ווילען רעגירען דיא גאנצע וועלט א. ז. וו.

ס'קומט זיך אין זין אריין דער לעגענדארישער יאנוס וואס האט געהאט צוויי פנים'ער, ווערענד איינס האט געוויזען פרייד האט דאס צווייטע אויס־געדריקט לייד.

ס'פרעגט זיך וואסארע גרונד און אורזאך האט ציוניזם געגעבען צו דיא שונאים אז זייא זאלען אזא שקר קענען פובליצירען? דער תירוץ איז, אט וואס:

ווען דיא ציוניסטישע פיהרער האבען זיך משתדל געווען צו קריגען אן אודיענץ מיט דעם פער־שטארבענעם פאבסט בענעדיקט, און ווען סאקאלאוו האט דיא גרויסע זכייה געהאט צו בעזוכען און זיך אויסצושמועסען מיט דעם הייליגען פאטער, האט דער פאבסט וויא געוועהנליך זיך געצייגט פריינד־ליך. דאס איז אבער נור געוועזען לפי שעה און לפי פנים, וויל באלד נאכדעם האט דער הייליגער טאטע הרטה געהאט אויף'ן גאנצען עסק און האט אנגענומען א גאנץ אנדערע שטעלונג צום ציוניזם. בין כך ובין כך האט דיא וועלט געהערט פון דער גאנצער זאך, און מ'האט דערפון געדרונגען אז דיא אידען האבען אן איינפלוס אפילו אין פאמע וואַ־טיקאן.

אונ־דאס האט ארויסגעפאדערט פון די אלטע אנטיסעמיטען א נייעם קלאנג, א נייעם בלבול, וואס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. גראדע דארט אין דיא ציוניסטישע קרייזען פון וואנען עס איז צו ערווארטען א ישועה און א כבוד אויף אידען, טאקע דארט ווערען בעשאפען אזאלכע אומשטענדען וועלכע גיבען דיא מעגליכקייט פאר שלעכטע צונגער צו מאכען א שם רע אויף אידען.

עס פרעגט זיך, וויא קומט עס גאר אז אידען זאלען זיך ווענדען צום פאבסט אום הילף וועלכער טראגט דעם צלם אויף זיין ברוסט און פאר וועלכען מ'מוז זיך קניען און בוקען איידער מ'קען מיט איהם א ווארט רעדען? האט דען ניט גאט גע־זאגט "לא תשתחוה להם"?

זעהט איהר, אונזער פערשטארבענער פרעזי־דענט "ראזוועלט" זייענדיג אין רוים אויף א בעזוך, האט זיך לחלוטין ענטזאגט צו געהן צום פאבסט און זיך קניען פאר איהם. קיין איין פראטעס־טאנטישער קריסט וועט בעגעהן אזא נארישקייט. ווארום? וויל זייא, דיא פראטעסטאנטישע קריס־טען האבען דורך ישוע המשיח אמונה אין גאט און אין זיינע הייליגע ווערטער. וואלטען דיא ציוניסטישע פיהרער געהאט דיא אמונה וואס דיא אמת'ע פראטעסטאנטישע קריסטען האבען וואלטען זייא זיך פערזיכערט אויף גאט ב"ה אליין און נישט אויף'ן פאבסט וועלכער לעבט נור א קורצע צייט און שטארבט אוועק וויא אלע אנדערע מענשען.

איצטער איז שוין צו מזל דא א נייער פאבסט און ציוניסטען וועלען זיך איפ'ס נייע דארפען בוקען צום קאטוילישען צלם אין רוים, נאך אמאל עובר זיין גאט'ס געבאט, און נאך אמאל מאכען דאס פאלק ישראל צו שאנד און שפאט אין דער גאנצער וועלט. אין מתתיהו קאפ. ז, לייענען מיר ישוע המשיח'ס פאלגענדע ווערטער: "היט אייך פאר דיא פאלשע נביאים. . ביי זייערע פרוכט זאלט איהר זיי דערקענען. . יעדער גוטער בוים טראגט גוטע פרוכט". וויאזוי קען עפעס גוטעס ארויסקומען פון אזאלכע מענשען וועלכע גלויבען ניט אין גאטעס ווארט וועלכעס הייסט גלויבען אין ישוע המשיח אונזער הייליגען גואל ומציל?!

---

### בית שר שלום

קאר. טהרופ עוו. און וואלטאן סטריט, ברוקלין, נ. י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר —— פיר מענער און פרויע׳
זאנטאג נאכט 8 אוהר —— פיר מענער און פרויע
מאנטאג נאכט 8 אוהר —— טעסטימאניעל מיטינג

---

## אמעריקא'ס ביישפיעל.

נאכדעם וויא דיא וואשינגטאנער קאנפערענץ איז געשלאסען געווארען האט אונזער רעגיע־רונג ארויס געגעבען א בעפעהל אז מ'זאל אבשטע־לען דיא ארבייט אויף קריעגסשיפען. אמעריקא האט אזוי געהאנדעלט כדי נאכצוקומען דעם אפמאך אויף דער קאנפערענץ אין וואשינגטאן, נעהמליך, צו פארקלענערען דיא בעוואפנונג אויף'ן ים.

אמעריקא איז פראקטיש און בעגנוגענט זיך ניט מיט טהעאריען. זיא, אמעריקא האט איינ־געלאדענט אלע מעכטע צום קאנפערענץ, און אמע־ריקא אליין האט דעם פארשלאג געמאכט פאר ענטוואפנונג. איצט האט אמעריקא געוויזען אז זיא מיינט דיא זאך ערענסט מיט דעם וואס זיא האט גענומען א וויכטיגען און מעהר ערהאבענעם שריט. א שריט אין פראקטיק.

זיא האט געאָרדערט אז אין אמעריקא זאל מען אויפהערען צו בויען קריעגסשיפען. זאלען אלע דיפלאמאטען פון דער וועלט זעהן אז אמעריקא האט פאלשטענדיג ערפילט דעם ענטוואפנונגס אפמאך. אמעריקא איז ניט נור גוט מיט'ן מויל זאגערן אויך מיט דער האנד. "אומר ועושה" פראקטיש און אויפריכטיג.

דיעזער אמעריקאנער ביישפיעל וועט נאטירר־ליכער־ווייזע בעאיינפלוסען אויך אנדערע לענדער נאכצוטהון דעם פראקטישען שריט און רעדוצירען זייערע פאנצער־שיפען.

אהינווייזענדיג אויף אמעריקא'ס פראקטישע ווירקונג אין דער וואפנונגס־רעדוצירונג, וויל מיר ציהען דיא אויפמערקזאמקייט פון אונזער אידישען פאלק, אז מיר אידען דארפען אויך אזוי טהון. מיר קלאגען תמיד און בעוויינען דעם אומגליק פון אנטיסעמיטיזמוס. מיר קוקען זיך אום פון אלע זייטען און דערבליקען איבעראל "שונאי ישראל". מ'האט ניט ליעב דעם איד. מ'וויל איהם ניט האבען אין סאסייעטי. מ'וויל מיט איהם ניט וואוינען אונטער איין דאך. פארוואס איז דאס אבער? וואס האט געשאפען אזאלכע קאנדיציאנען? און על כלם, וויאזוי קען מען דיעזע צרה'דיגע אומש־טענדען פארענדערען?

אנטווארט: אידען דארפען פאלגען אמעריקא'ס ביישפיעל. אידען דארפען צייגען דער וועלט א פאלשטענדיגען פראקטיק, נישט אבקומען מיט פוסטע טהעאריען. מיר מייגען דערמיט דעם